# ראדאמער-קעלצער לעבן

היינט 8 זייטען.

Radom, Piątek 27 Czerwca 1930 r.

ראדאם. פרייטאג א' תמוז תר"צ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
איין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

Z intencji zaręczyn p.
Mani Fiszmanówny
z p. Pinkusem Ajzenbergem
najserdeczniejsze życzenie składają
Nahum Eisenberg
Izak Silbersteјn.

Z intencji zaręczyn mego kolegi i przyjaciela
P. Ajzenberga
z p. Manią Fiszmanówną
składam serdeczne życzenie
*Gutek Tenenbaum.*

Z intencji zaręczyn kolegi
Pinkusa Ajzenberga
z p. Manią Fiszmanówną
życzę wiele szczęścia w przyszłości i wiecznego zadowolenia.
Izrael Tenenbaum
Kielce.

צו די פערלאבונג פון אונזער קוזינקע
פרל' מאניא פישמאן
מיט ה' פיניע אייזענבערג קעלץ
ווינשען מיר די עלטערן פיל נחת און
דעם פערלאבטען פארל א גליקליכע צוקונפט.
מרדכי, ביילע פישמאן און קינדער
— ראדאם. —

**דאנקזאגונג.** דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען דאנק — דער ג' דירעקציע
פון זימנאזיום פרויען-גימנאזיום אין קעלץ
פאר די גוטע ערציהונג און אויסבילדען אונזער ל. טאכטער ראזיא
ביז צו דער שטופע פון בעקומען מאטורע.
מיט אכטונג יוסף גאלדשניידער און פרוי

מזל טוב
הערצליכע ווינשע צום פערלאבונג
פון אונזער ברודער לייב
מיט פרל' צעשי פעלדמאן פון ראדאם
ווינשען:
עלטערן, ברודער און שוועסטער
שעהנפעלד קעלץ.

צו דער פערלאבונג פון אונזער קוזין
פינטשע אייזענבערג
מיט פריילין פישמאן
ווינשען מיר גליק און צופרידענהייט
שלמה קאנער און פרוי.
קעלץ.

קומענדיגע וואך, דאנערשטאג ז' תמוז
פאלט אויס די זעקסטע יאהר-צייט
נאך אונזער אונפערגעסליכער, פערשטארבענער פרוי און מוטער

# ריזעל רעזן נ. ע.

אין זעלבען טאג האלב צוועלף אין דער פריה וועט אויפ'ן בית-עולם
אבגעריכט ווערען אנ'הזכרה לזכרון נשמתה.
וועגען וואס מיר טיילען מיט אונזערע קרובים, פריינד און בעקאנטע.
**מאן און קינדער.**

מ. בוימאן א. יאבלאנקא
# פערלאבט
ראדאם 22-טען טשערוויעץ 1930.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם גבאי פון מנין אחי-עזר
אין האנדווערקער-קלוב ה' ירמיה גאלדשטיין
צו דער האכצייט פון זיין ליבע טאכטער.
די גבאים און מתפללים פון מנין **אחי-עזר** אין ראדאם.

אנו משתתפים בצערך יחיאל למות עליך אביך
# מרדכי פליגעלמאן נ. ע.
בעבודתך בעד תנועתנו תמצא נחומים.
הנהגת והקן
**השומר הצעיר**
ברדום.

ראש גדודנו יחיאל הננו משתתפים באסונך הקרה אותך למות עליך
# אביך
בעבודתך בעד גדודנו תמצא נחומים.
גדוד הבונה
של **השומר הצעיר** ברדום

הננו משתתפים בצערם של נשיא - קהלתנו
מר צבי זאגייסקי ומשפחתו, מרת שמחה זאגייסקה
ומשפחת טוימאן למות עליהם בעלם, אביהם, אחיהם ודודם,
הנדבן, אחד משרידי הדור הישן, החסיד ועניו
# ר' יעקב זאגייסקי ז. ל.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
**שלטון ומועצת הקהלה היהודית**
בקילצה.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל די פאמיליעס זאגייסקי, טוימאן, ערליך
צוליב'ן טויט פון זייער טייערן און ליבען פאטער, ברידער און פעטער
**ר' יעקב זאגייסקי נ"ע**
דריקט אויס פאמיליע ראדאל קעלץ.




אין בעט אין ס'... די קליינער נישט איבער די טאשען, די הערץ א הר, איז דאָס א פאַסטויגע טבע פון די הייבער וואָס זוכען אין דעם מאַן'ס קעשענעס. זוכען ... זי גאָלו, און געפינען געמינט זי ... עפּעס אנדערש... און אַך אין הייה צו אייך. אז דאָס הייב געפינט אין אייער א „סכינ־ראַנקע" אזעלכע זאַכען ... איהר קענט נישט געבען קיין חרוץ... איצט אָבער שלאָף איך מיר רוהיג, און האָב נישט מורא פאַר קיין קעשענע־רעוויזיעס.

12 א זייגער מיטאָג הויב איך מיך אויף. סוה מיר אָן בגדי מלכות. פאַרוואָס נישט, ס'איז דאָך עפּעס ביי מיר יום־טוב אין דער וואָכען, פאַרוואָס זאָל איך מיר נישט אָנטוהן דאָס שענסטע און בעסטע. יעדען טאָג געה איך אַרויס מיט פרישע אויס־געפּרעסטע הויזען, מיט די נייע ברוינע לאַטשען, מיט א פרישע געפּרעסט העמד, מיט דעם אמת'ן קראַוואַט, מיט א ווייס־אויסגעשטיקט טיכעל אין דעם מאַריואַרקע־טעשעל, אין איין האַנד א פאַצעטיש שטעקעלע, און אויף דער צווייטער האַנד דעם מאַנטעל. קיין הוט טראָג איך אינגאַנצען נישט מעיה יאַלד. יעדען אין דער פריה פריש ראַזירט אויף גלאַטינג, ס'זאָל מיין שכנ'טע נישט „ראָזשען". יעדען טאָג גיט איך מיך איין מיט פּאַלייט ... איז פישפריץ מיך מיט פערפיום. צו דעם שטעק איך מיר נאָך אריין א רויט בלימעל אין דער קלאַפּע און הייזע אין נייעם גאַרטען אריין.

אז איך געה אין אזא „הויך" אין דער גאַס אריין, פערגעס איך, אז איך האָב א ווייב א פאַטריאַכקע פון היימישער פּראָוועניץ, כ'פערגעס פשוט פעשוט, אז מיין יענטעל באַרט זיך אין בלאָטע. איך פערגעס זוך, אז וואָס גליק איז גאָר „טיפּטשאַראַקטיש". אז איך בל סוף וועל איך אין צטיכט וואַכין ארום צוריק זיין דער שליכול, דער איינגעשפּאַנטע אייזעל, איך וויל גאַרנישט טראַכטען וועגען אזעלכע שרעקלעכע געדאַנקען. איצט בין איך פריי, איצט בין איך זעלבסטשטענדיג, איצט בין איך א קאַוואַליר מיט א רויז אין דער לאַץ און לאַך פון דער וועלט...

אין גאַרטען זיץ איך מיר אויף א באַנק, דרעה מיכן שטעקעלע און וואַרף אייגלעך אויף מיידלעך פונקט אזוי ווי אין יענע בחור'שע צייטען. די מיידלעך וואַרפען צוריק אַנ'„אָטשקע", ווערט א געגענזייטיגע אויגען־וואַרפערייא. אי, יודען, איהר הערט, איז דאָס א מאכל — אַלע יודישע קינדער, דאָס מיין איך אַלע יודישע מענער, וואָס די ווייבער באָדען זיך אין בלאָטע, געזאָגט געוואָרען...

מיטאָג־צייט געה איך מיר צו מענטליקן אין רעסטאָראַן. זעץ מיך אוועק ביי א טישעל. הייס מיר דערלאַנגען וואָס מיין הארץ גלוסט. דער קעלנער דערצעהלט מיר נישט, אז ער האָט נישט קיין אפּעטיט צום עסען, אז ס'שטעכט א הם אין די „באָקעס". כ'הער נישט ווייגען, נישט כפּאָמירען, כ'הער נישט שעלטען די דינסטען, ס'עסען בלייבט מיר נישט שטעקען אין האַלז, כ'רייב אויף אַלע באַק ציין, פונקט אזוי ווי אין יענע גאָלדענע בחור'ישע יאָהרען.

אין אָוונט כאַפּ איך מיך אריין צו פשיביטשעווסקי. איז א שעהן טעאַטער און ס'איז נאָך דאָ מיט ווערמען. כאַפּ איך מיך אריין קיין אַנטיגיובסקי. זוך מיר אויס א „וויגאָדנע" מקום. זיצט מען זאָלבערצוויי און מ'שמועסט וועגען פּאָליטיק, דאָס, יענץ. אוי, יודען, הערט איהר, איז דאָס א מאכל. אַלע יודישע מענער וואָס די ווייבער באָדען זיך אין בלאָטע, געזאָגט געוואָרען...

אין אָוונט, דאָס מיין איך פריי־טאָגס, קום איך אהיים, די שטוב איז ליידיג, מיין ווייבס בעט שטעהט גע־בעט פער'יתומ'ט, מ'הערט נישט קיין שאָרך. אין שלאָפצימער געה איך אריין מיט פעסטע טריט, זינג מיר צו א שלאָגער. נישט אזוי ווי חען מיין ווייב איז אין דער היים, אויף די שפּיץ פינגער. כ'הער נישט דעם אַלטען פזמון: שוין, ביסט שוין דאָ? וואו ביזטו געלעגען אין געהאַקטע צרות פון טאָג? איך וועל ליגען אין דער היים און דו וועסט אַרומהוליען ... ?

וואָס נעכטיגע טעג, קיינער זידלט נישט, קיינער שעלט נישט, ס'מאַכט מיר נישט קיין סקאַנדאַלען, מ'שפּילט מיר נישט אויף קיין נאַכט סימפאָניעס. איך געה וואו איך וויל. איך עס וואָס איך וויל. קום אהיים ווען און מיט וועמען איך וויל. געה מיר געקליידעט אין בעטען און איז שענסטען, כ'בין מיר א פרייער פויגעל.

יודען איהר הערט, איז דאָס א מאכל אַלע יודישע מענער, וואָס די ווייבער באָדען זיך אין בלאָטע, געזאָגט געוואָרען...

י. אַבראַמאָוויטש.

נישט מקנא זיין אונזערע גע'שחט'גע און געפייניגטע ברידער און שוועסטערען פון בראָסקוראָוו, וואָס יענע זענען שוין איבערגעקומען דאָס גיהנום פייער מיט די אַלע מיתות משינות און זיי זעהען נישט מעהר און זיי פיהלען נישט מעהר.

אין אזעלכע בייסיגע מחשבות בין איך געזעסען פערזונקען זיצענדיג אין א ווינקעל איינגעקורטשעט ווי אין קרעמפּען בשעת דער אויטאָ איז געפלויגען ווי א וואָלקען פון א שטורעמווינד און געשפּרינגען פון טהאָלען אויף בערג און אַראָב מיט אזא האַסטיגקייט און ... טעמפּאָ, אז פיעל וואָס מאָהל האָט זיך אונז בעדאָכטען, אז מיר ווערען צושפּליטען און צושמעטערט צווישן די בערג, אז איינער זאָל נישט וויסען וואו דעם צווייטענס געביין איז ערגיץ אהינגעקומען. איך האָב אויסגעקוקט אזא מאָמענט. איך וואָלט באַפרידען געהאַט ווען מיט אונז פּאַסירט דאָ צווישען די ריזיג הויכע בערג א קאַטאַסטראָפע. ביי יעדען ווילדען שטאַרקען פון אויטאָ האָב איך געגלויבט, אַז אָט, אָט געשעהט עס און אפילו אליין מיט מיינע לעצטע אַנשטרענגונגען געפּרובט אין מיין ווינקעלע אומוואַרפען דעם אויטאָ, שטופּענדיג איהם אויף דער זייט וואו איך בין געזעסען, בסוד קיינער זאָל עס נישט בעמערקען. האָב איך איהם געוואָלט אויסביגען און דורכפאַהרענדיג נעבען יעדען ראָוו געוואָלט איהם אַראָבגליטשען פון וועג און גלייך אריין אין טיפען טהאָל, ס'איז אָבער נישט געגאַנגען. ווי אויף לחכעיס האָט דעם אויטאָ גאָרנישט געשאַדט און ער איז דורך בשלום אַלע געפעהרליכע און בעדראָהטע ערטער.

זיצענדיג אזוי פערטוהן אין זיך, האָב איך בלוצלינג בעמערקט, ווען מ'איז שוין געהאַט אָבגעפאָהרען א גרויסע שטרעקע פון פראָסקוראָוו ווי אין דער צווייטער זייט אויטאָ זיצען דער גענעראַל מיט מיין ווייב געאָרעמט. מיין פרוי טוליעט זיך אין איהם איין קושט איהם די הענד און די פיס אין דעם קאָפּ און מיט טרעהרען אין די אויגען דאַנקט זי איהם, וואָס ער האָט אונז געראַטעוועט פון ... פרידט. מיינע טעכטער זענען געזעסען נעבען מיר און געהאַלטען מיך אַרומגענומען און זיי האָבען נאָך אַלץ געציטערט פאַר שרעק, זייענדיג נאָך אונטערן ביינליכען איינדרוק פון דער איינקחי־זיציע־שטוב אין דער פּראָסקורער

טעאטער „ראזאמיטאשטשי" | נאר 3 פארשטעלונגען פון דער ווילנער טרופע — יאהר XV — אנפ. מ. מזאה

שבת דעם 28 יוני 8³⁰ אווענד
**א מעשה מיט הערשעלע אסטראפאלער**
אנ'אויסגעצייכנטע קאמעדיע אין 4 אקטען פון משה ליפש'יץ.

זונטאג דעם 29 יוני 8³⁰ אוו.
**יודען-שטאט**
דראמא אין 3 אקטען מיט א פראלאג
פון אהרן צייטלין.

מאנטאג 30 יוני 8³⁰ אוו.
**דבוק**
אין 3 אקטען פון ש. אנ-סקי.
אינסצעניז. און רעזשי — דוד הערמאן

עס בעטייליגען זיך: פרויען: ארלעסקא, גאלדענבערג, ווייסליך, נאטאן, קראמאזש א. אנד.
מענער: בירענבוים, בערגמאן, דיאמאנט, ווייסליך, מאנסדארף, נאטאן, קאמען, קירלענדער, שאפירא א. אנד.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין אפטייק-סקלאד פון ה' צימערמאן לובלינער 11 און ביי דער קאסע פון טעאטער.

**ענטשולדיגונג.**

איך פיהל א אינערליך בעדערפניש מיך צו ענטשולדיגען פאר דעם עהרווירדיגען דירעקטאר פון גימנאזיום „חובבי דעת" אינז. וואסק פאר מיין פיעלייכט אינטאקטישען ארויסטריט געגען איהם, אבוואהל פון מיינער זייט איז געווים קיין שלעכטע כונה נישט געוועזען. איך דריק אויס מיין גרויס בעדויערן.

**פלטי ב. גאלדפארב.**

Zgubiono legitymację
wydaną przez Gim. „Przyjaciół-Wiedzy" za № 3|VI 13 listopada 1925
na imię Mojżesza Czechanowskiego
Radom, ul, 1-go Maja 45
Uczciwego znalazcę proszę
o zwrócenie takowe.

**א מאטוזשיסט**
נעמט אן לעקציעס
איינצעל, אדער גרופען
מיט פארברייטונגען ביז דער 8-טער קלאס גימנאזיום.
אינפארמירען זיך אין רעדאקציע פאר „ב"
— צוגענגליכע פרייזען. —

# קעלצער אבטיילונג.

## די אימפאזאנטע לויה פון ר' יעקב זאגאיסקי.

די ידיעה וועגען טויט פון ר' יעקב זאווייסקי. יואס איז אנגעקומען קיין קעלץ ווינטאג פריה, האט ארויסגערופען אין דער גאנצער שטאדט א טיפען טרויער. ווייל זיין אידעלער כאראקטער און דער פערשטאנדיגער געוועזען בעליבט ביי דער יודישער בעפעלקערונג.

2 אזייגער האבען טויזענטער מענשען זיך פערזאמעלט אויף דער נייער ווארשאווער גאס, וואו עס איז אנגעקומען דער אויטא פון „חסד של אמת" מיט'ן טויטען קערפער אין א פערמאכטען ארון. ביי דער בעגלייטונג פון דעם ריזיגען עולם אין דער אויטא פערפאהרען צום נפטר'ס וואהנונג אויף שניאדעצקיך. אין דער וואהנונג איז דאן פארגעקומען די טהרה און צווישען-צייט האבען זיך דערווייל פערזאמעלט טויזענדער מענשען, אז דער גרויסער באזאר-פלאץ איז באלד איבערפולט געווארען. פינקטליך 5 אזייגער נ. מ. האט זיך אנגעהויבען די לויה. אויפ'ן גאנצען וועג איז דער ארון מיט'ן קערפער געטראגען געווארען דורך דער פאמיליע פון פערשטארבענעם, ווי אויך פון פערסאנאל.

בראש פון דער לויה זענען געגאנגען די מיטגלידער פון ראבינאט מיט הרב ראפאפארט בראש, די מיטגלידער פון ראט און פערוואלטונג פון דער קהלה, פארשטעהער פון אלע ארטיגע אינסטיטוציעס און די קינדער פון תלמוד-תורה, בית-יתומים, ישיבת א.א.וו.

אויפ'ן בית-עולם האט הרב ראפאפארט געהאלטען א קנאפע שעה א ריהרענדען הספד, לויבענדיג די גוטע מדות און מעלות פון פערשטארבענעם, איבערהויפט איהם גערהמט אלס גרבן און עהרליכען יוד. דער הספד האט געמאכט אויף אלע מלוים א שטארקען רושם. קובר געווען האט מען דעם נפטר נעבן זיין פאטער ר' אברהם ז"ל. קדיש האט געזאגט דער ברודער ר' הירשעל (קיין זיהן האט ר' יעקב זאגייסקי ווי בעקאנט ניט איבערגעלאזן).

א פאר וואכען פאר זיין טויט האט דער פערשטארבענער מנדב געווען 40 טויזענד זלאטעס צו בויען א מושב זקנים אויף דעם דורך איהם געשאנקענעם פלאץ. אינגיכען ווערט צוגעטרעטען דעם פלאן צו רעאליזירען.

## א בעפרייאונג'ס-אורטייל אין ביגאמיע-פראצעס.

היינטיגע וואך איז ענדגילטיג בעטראכט געווארען דער ביגאמיע-פראצעס געגען ה' לעווי.

ווי מיר האבען שוין אויספיהרליך בעשריבען איז ה' לעווי בעשולדיגט געווארען פאר עובר זיין אויף ביגאמיע ד"ה פאר חתונה האבען צום ערשטען מאהל מיט א קריסטין, וועלכער ער האט נישט געגט און דערנאך חתונה געהאט מיט א יודיש מיידעל פון קעלץ.

צום פראצעס זענען צוגעצויגען געווארען דער מאלאגאשטשער רב. מ"ה הורבערג פון קעלץ און זיין זוהן פאר האבען א שייכות צו דער חופה וקדושין פון ה' לעווי מיט זיין צווייטער יודישער פרוי.

דער פראצעס, צוליב זיינע אינטערעסאנטע מאמענטען, די גרויסע צאהל עדות און עקספערטען פון ביידע רעליגיעס: די יודישע און קריסטליכע — האט ארויסגערופען א סענסאציע און א אומגעהויערען אינטערעס.

צווישען די עדות איז געווען הרב פריזנער פון ווארשא. אלס עקספערטען זענען ארויסגערופען געווארען: הרב פראפ. משה שאר פון ווארשא, הרב קעסטענבוים פון ראדאם, הרב בראט פון טאמאשאוו און דער גייסטליכער פון דער ביסקופען-קוריע מאליסאק און דער פארשטעהער פון בילדונגס-מיניסטעריום ה' רעוועראווסקי.

אלס פערטיידיגער זענען ארויסגעטרעטען אדוו. זדושיכאווסקי פון לובלין, אדוו. בערענזאהן פון ווארשא, אדוו. סענאטאר דאבזשאנסקי, טשיכאווסקי און ציבולסקי פון קעלץ.

די פערטיידיגונג האט זיך בעמיהט אויפצואווייזען, אז די צווייטע חתונה פון ה' לעווי איז נישט פארגעקומען לויט אלע ציוויל יורידישע פארמאליטעטען, האס זענען א נויטהענדיגקייט ביי א פארמעלער הייראט. ס'איז נאר געווען א בלויזע רעליגיעזע צערעמאניע אהן יורידישע קאנקציעס.

די יודישע עקספערטיזע האט ענטוויקעלט דעם געדאנק פון גט על תנאי אין ארויסגעהענדיג פון רעליגיעזען שטאנדפונקט האבען די רבנישע עקספערטען ערקלערט, אז די צווייטע קידושין זענען געווען נישט אזוי שטארק אל, מחמת זיי זענען געגעבען געווארען על תנאי, וויבאלד ה' לעווי וועט געט'ען די ערשטע פרוי.

צוויי טעג, מאנטאג און דינסטאג האט זיך געצויגען דער פראצעס און מיטוואך איז ארויסגעטראגען געווארען דער אורטייל, לויט וועלכען אלע בעשולדיגטע זענען בעפרייט געווארען.

דער פראקוראר יאל האבען אנגעזאגט אנ'אפעלאציע קיין לובלין.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דעם ה' א"י לעוויט
צום טויט פון זיין פאטער
**חיים ז"ל**
זאל איהם גאט טרייסטען.
ח. ב. באליצקי און פאמיליע
קעלץ.

Aspirin
TABLETKI
BAYER
niezbędne również podczas lata
jako środek uśmierzający bóle.
Do nabycia w aptekach.

Jedna z NAJWIĘKSZYCH

**Fabryk MYDŁA**

POSZUKUJE

**PRZEDSTAWICIELA**

*na Wschodnią część Wojew. Kieleckiego*

Firmy lub kupcy mogący złożyć odpowiednią gwarancję bankową zechcą złożyć oferty pod szyfrą „WK. 519 do Tow. Reklamy Międzyn. Sp. z o. o. jen. repr. RUDOLF MOSSE, Katowice, ul. Mickiewicza 4.


## ארקעסטער=רינג

בײַ ברית-טרומפעלדאר אין ראַדאָם.

ראָזענבערג פעלא גיעט 4 זל. און רופט ארויס: זיידענוועבער עווא — לובעלסקא 25, פישאפעף אסתר — באנק פאָלקסבאנק, זיידענוועבער נח— קילינסקי 21, זיידענוועבער יצחק — ליבעלסקא 25.

רייך בנימין גיט 2 זל. און רופט ארויס: נײמאַן ברוך — רחיינסקא 16, פישמאַן אלימלך — „ 9, גליקשטיין ראובן — „ 8.

תעלפמאַן יוסף ענשפערט מיט 2 זל.
פרידמאַן מ. י. „ „ 2 „
קאַרמאַן ח. ל. „ „ 2 „

גאָלדבערג ז. „ „ 2 „

בערענשטיין פאַלא גיט 5 זל. און רופט ארויס: ווייסבאָרד צעלא—לוב. 16, צוקער חנה — דלוגא נומ. 3, טענענבוים פיניע — רוויינסקי 16, קרימאלאָווסקי משה—וואַלנאַסטש 3, פעפער בעריל — קאָשציעלנא 6, בערגמאַן העלא — לובלינער ג. 7, ראָזענצווייג רעגינא—פקאַרשעה. 41, יאַנאָווסקי הירשל לוב. 7 באנק לידאַוי.

קויפמאַן יהודה גיעט 5 זל, און רופט ארויס: צמח מנחם—לובל. 33.

## ספאָרט.

### סענסאַציאָנעלער זיעג פון בר-כוכבא

א שעהנעם נצחון האָט אָנגעהאַלטען די היגע ב״כ, בעזיגענדיג אין א מייסטער-מעטש וועגען קל. „א״ די שטארקע פראָך פֿין זאגאָזשרושאָן איש מיט 7 געגען 5.

ב״כ, איבערנעמענדיג די איניציאַטיוו ציעלט ער כסדר׳דיגע געפעהרל כע אָנגריפען אויט׳ן געגנעריס טויער און אין פערלויף פון מיניטען מאַכט ער גאַנצע 4 גאָלען. דער עולם איז געבליבען ווי ענטוישט. בעזונדערס די ב״כ-שפּילער, וועלכע האָבען זיך צוליב די 0:4 אָנגעהויבען גרינגשעצען (מעהר בעזונדערס צום טויערמאַן) פראַך נעמט איבער דעם באל און ציעלט 3 גאָלען איינעם נאָכ׳ן אנדערן, ביים שטאַנד 4:3 פאר ב״כ ענדיגט זיך די ערשטע העלפט.

נאָך דער פויזע קעמפען ביידע צדדים מיט א שטאַרקע אמביציע. ב״כ ווייזט ארויס פיל טעכניק אין שעהנער קאָמבינאַציע-שפּיעל, ביי וועמען מ׳האָט אזעלכעס שוין לאנג נישט געזעהן. אין רעזולטאַט מאַכט ב״כ נאָך 3 גאָלען, דאגעגען פראך 2 גאָלען. מיט׳ן פער-

דינטען נצחון 7:5 פאר ב״כ ענדיגט זיך דער א נטערעסאַנטער מעטש.

גאָלען האָבען געמאַכט: זילבער בערג מאיר (2), אייזמאַן (2), לוקסענבורג (2) און ראַפּאַלאָוויטש (1).

שיעדס ריכטער — ה׳ בוקאַריצקי.

### מכבי—טור (וויערזשבניק) 7:1 (2:1)

די היגע מכבי האָט, שפּילענדיג אין וויערזשבניק א מייסטער-מעטש וועגען קל. „א״ פערשפּילט צו די דאָרטיגע טור מיט׳ן רעזולטאַט 7 געגען 1.

שידס-ריכטער — ה׳ קלאָשינסקי פון ראַדאָם

### טשאַרני—ר. ק. ס. 3:1 (1:0)

די דאָזיגע אַלטע געגנער האָבען זיך געטראָפען אין א מייסטער-שאַפטס-מעטש וועגען דער „א״ קל. פֿריגא געווינט ווי טאָג און געזיגט האָט ר. ק. ס. מיט׳ן איבערגעדערמאָנטען רעזולטאַט.

שיעדס-ריכטער—ה׳ ראַקאָטש.

### בר-כוכבא—מכבי

ענדליך וועט דער שוין פון לאנג ערוואַרטעטער, מייסטער-מעטש צווישען בר-כוכבא און מכבי פאָרקומען דעם היינטיגען שבת. ביידע צדדים טרעטען ארויס אין גוטע צוזאַמענשטעלען.

שי-בוים.


מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל
אונזער מיטאַרבעטער זישע פליגעלמאַן
צום טויט פון זיין
**פאָטער**
די יידישע אָנגעשטעלטע ביים אויטאָבוסן-פאַרקער אין ראַדאָם
פייגענבוים, סאָווא, אָראַטש, הירש, כיימאָוויטש.



# LÓD SZTUCZNY

Rzeźnia Miejska rozwozi lód sztuczny

**Zgłoszenia**

na każdą ilość lodu kierować należy do Rzeźni Miejskiej, ulica Basenowa, telefon 563.



## ס׳איז דאָ צו פערדינגען א בעזונדער צימער

פאר איין פערזאָהן, וואָלאָווא 3 ביי שלמה פאַטראַן.



*Kino dźwiękowe „ŚWIT”*

Dziś i dni następnych

# ODSZCZEPIENIEC

w roli głównej: RICHARD DIX

Nad program: Dźwiękowo-śpiewny dodatek Paramountu z wyjątkami z opery „Traviata”








Wystrzegać się naśladownictw




o podobnym brzmieniu


Kino *NOWE CZARY* Teatr

Dziś i dn. następnych

MIASTO CUDÓW

w roli głównej Douglas Fairbanks

**Brzdąc**

w roli głównej Charlie Haplin

Kino *ODEON* Teatr

Od poniedz. dn. 23 Czerwca

Dwa wielkie filmy wyt. Paramount

Znajoma z pociągu

i Złoto pustyni

w rolach głównych:
Ryszard Dix, Louisa Brook, Wiltram Pewell.

Kino *CORSO* Teatr

Dziś i dni następnych

Wielki, monumentalny film p. t.

NIBELUNGI

z Pawłem Rychterem

Na scenie —Rewja w wykonaniu Artystów scen Warszawskich.



דרוקערײַ ה. גרינשפּאַן, ראַדאָם, לובעלסקא 30.

Redaktor Ch. M. Herc

Druka ... „Radomer-Kielcer Leben” Radom, Szwarlikowska 20.